STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04591

ROYKH UN LEGENDES

Josef Luden

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף לודען

רויך און לעגענדעס

חורבן און אויפקום לידער

צו די לעצטע פון אויסגעשאָכטענעם שטאַם
יידן פון פוילן, רוסלאַנד און ליטע.
ס׳שרייט אין מיין ליד יעדער גראַם,
גענוג געווען אַן עם נבחר צו שחיטה!

Printed in Israel
1964

אייגנאויסגאַבע, רמת־גן ת. ד. 2126

דפוס „אורלי״, תל־אביב

יידיש

ביסט יידיש, געטראָגן אויף באַגנעטן,
געמאָרדעט מיט אכזריותדיקן גרויל.
דורך דייטשע באַנדיטן, אוקראַינער און לעטן.
איצט ליגסטו פאַרגליווערט אין שטומען מויל.

ווּ ביסטו, שפּראַך פון שניידער־יונגען,
פון האָרעפּאַשנעם פאָלק דעם פּראָסטן?
אין דיר האָבן ליבע־לידער געזונגען,
בלייכע מיידלעך, ביי „זינגער״־מאַשינען.

נישטאָ מער די, וואָס גערעדט האָבן פּראָסט,
נאָר יעדעס וואָרט געווען איז אַזוי היימיש.
פון גרויל גייט דורך אַ פראָסט.
געקוילעט, געשאָכטן איז יידיש.

ווּ זענען די קינדער, וואָס מיט אַזוי פיל חן
געזונגען האָבן זייער ליד אין יידיש?
געווען איז דער געזאַנג אַזוי שיין,
געקלונגען פּאָעטיש און ליריש.

אין ברענענדן שטעטל האָסט געזונגען לידער,
די קדושים באַגלייט אויף זייער לעצטן וועג.
ביסט אויך, יידיש, אַ קדוש, אַ מאַרטירער!
אויך דו ביסט אַ העלד, אַ געראָי.

אַ צעשפּרייטע איבער קברים,
פאַרבלוטיקטע שפּראַך מיינע שטומע.
עס לויפן דיינע ווערטער, געטריבן פון שטורעם,
און רופן נאָך אַלץ צו נקמה.

גאָלדעלע

ווען מיין צונג זאָל ביי מיר ברענען,
וואָלט איך אויך מער נישט קענען
אויסשרייען דעם גרויסן ווײי פון דעם גיהנום.
ווי קען איך געפינען אַזעלכע ווערטער,
וואָס זאָלן, ווי זאַלץ אויף פאַרוווּנדעטע ערטער,
פרעסן דיין הארץ און רייסן דיין נשמה
און אָן אויפהער רופן צו נקמה?

ווּ זענט איר, אָרעמע שטעטלעך פון אומעט?
מיט קרעמלעך פון שפּינוועבס און תורה,
פון אייביקן אומרו, נישט זיכערן תמיד,
פאַרזונקען אין פאַרנאַכטיקן מרה־שחורה.
יידן מיט לאַנגע טרויעריקע בערד,
יידענעס מיט זויערע פּנימער
פון הונגער און צו אָפטע תעניתים.
זיי ווישן די טרערן איבערן ווייבערישן סידור
און דערמאָנען די נעמען פון מתים.

אין אָט דעם אָרעמען שטעטל, מיט געסלעך נישט קיין סך,
שטייט אַן אָרעם הייזל מיט אַ צעבראָכענעם דאַך.
ווי קומט דאָ אַזאַ בלום? ווי קומט אַזאַ פּראַכט?
טרויעריק איז דאָס שטעטל, נאָר גאָלדעלעס פּנים לאַכט.
אירע שוואַרצע אויגן, ווי אַ פייער גליען,
אונטער אַ שטיפעריש נעזל הייסע ליפּן בריען.

געווען אויך אין שטעטל געצונדענע אויגן.
זיי האָבן דאָס אָרעמע שטעטל באַלויכטן.
איבער מאַרקס ביכער געבויגן
מיט אַ חלום פון גן־עדן באַהויכטן —
איצט צום גן־עדן זיי שוועבן,
איבער שטאָלענע רעלסן פון האַס.
געפירט ווערט דאָס שטעטל צו שחיטה,
דאָס לעבן דערשטיקט ווערט מיט גאַז.

עס האָבן וואַנדאַלישע האָרדעס,
מיט עכט בלאָנדע אַרישע מאָרדעס,
אין שטאַלענע העלמען — אַ ראַסע הויט-שינדער —
געשאָכטן און געטויט קליינע קינדער.
געטריבן, מיט אויטאָמאַטן און באַגנעטן,
אַ גאַנץ פאָלק צו קרעמאַטאָריעס און קאַצעטן.

גאָלדעלע פון אָרעמען שטעטל, אויך דו ביסט מער נישטאָ.
אַ שוואַרצע נאַכט פון אַכזריותדיקן גרויל
פאַרצוקט האָט אַ פרילינג פון זוניקן גאָלד.
די פראַכט פון דיין מיידל-געזיכט
איז פאַרלאָשן ווי אַ צאַנקענדיק ליכט.
עס האָבן מערדער געשאָכטן אָן אוצר,
פאַר וואָס? פאַר וועלכע זינד?
עס פיבערט מיין נשמה ווי אַ בלאַט אויפן ווינט
און עס ציטערט אין מיר יעדער אבר.
און כ׳הער אַלץ דיין געשריי פונעם קבר.

האָסט, גאָלדעלע, אַזוי ליב געהאַט בלומען
און געגלייבט, אַז אַ וועלט אַ גערעכטע וועט קומען.
כ׳דערמאָן זיך אַזוי גוט פון דער וויטן,
האָסט געטרוימט וועגן אַ וועלט אָן קייטן.
נאָר איך טראָג אַלץ קייטן אויף מיין נשמה,
ווייל פאַר דיין טויט נישטאָ איז קיין נקמה.

* *
*

פון טויזנטער גאָרגלען שפייען האַרמאַטן מיט פייער,
דונערן און רעווען.
אויף דעם האָריזאָנט פון הימל ברענט דער גיהנום
און די ערד ציטערט פון פחד און בושה.
דו, מענטש, האָסט אַליין דעם הימל צעבייזערט
און די ערד צעריסן אויף טויזנטער שטיקער.

אַט שטייען חורבות צווישן פייער און פלאַמען,
פון דיינע אכזריותן אָן גרענעצן, אָן צאַמען.
און דאָרט, ווו דיין וויגל, דיין געבורט-אָרט,
שטייט אַ שטאָט, געטויט און געשענדעט.

עס שניידן זיך אַרמייען, ווי שפּיזן,
קיין סעוואַסטאָפּאָל און קאַווקאַז.
דורשטיק, פון רויב נאָך נישט זאַט.
ס׳גיט די וואָלגאַ זיי צו טרינקען
בלוט אונטער סטאַלינגראַד.

און איר, קערפּערס צעמזיקטע, צו וואָס אייער קרעכצן, וויינען?
די זון וועט סיי ווי סיי פאַר אייך שוין מער נישט שיינען.
אַט גייען דאָרט נייע געשטיוולטע רייען
זיך וואַרפן אין גיהנום מיט הורא-געשרייען.
און די ערד, פול מיט קרעץ און געשווירן
פון זעלנערישע שטיוול, וואָס אָן אויפהער מאַרשירן.
וועגן רום טרוימען הערשערישע טראַנען,
און בלוט גיסט זיך מענטשלעכע פון מיליאָנען.
זע, ווי עס גייט אויף די זון אין זעלנערישע שטיוול!
און דיין חלום ליגט פאַרבלוטיקט און געשאָכטן.
מענטש, הער אויף דיין בלוטיקן שניט,
פאַרטויש דיין ביקס אויף אַ האַמער
און דיין טאַנק אויף אַ קאָמביין!

מילע

געוועזן אין וואַרשע אַ ליבע גאַס,
כאַטש אָרעם, קרום, ראַכיטיש, בלאַס.
געלעבט דאָ יידן פון ניסים און וווּנדער,
אין זאָרג וועגן ברויט פאַר פּיצלעך קינדער.

יונגע ביי שטריקער- און ניי-מאַשינען,
חלומות וועגן גליק שפּינען,
און זקנים מיט פרומע בליקן
בעטן גאָט, ער זאָל שוין משיחן שיקן.

אין שמוציקע הייף איז דאָ אַ לעבן פאַרביי,
געצאַפּלט, געפּלאָמט אין פאַרשטיקטן געשריי.
פאַרזונקען אין טיפן שווייגן,
געוועןן ביסט אַזוי היימיש און אייגן.

אַפילו אין דיין נויט און פּיינען,
האָסט פאַרמאָגט אַזוי פיל חנען
און אַזוי פיל שטרעבן, אַזוי פיל גלויבן,
צווישן אומעט און גרויע שטויבן.

היינט ביסט, מילע, אַ גאַס פון קברים.
אָפּגעשווענקט דורך אַ בלוטיקן שטורעם.
פון דיינע חורבות פאַרשטיקטע, שטילע,
שרייט דיין בלוט צו די הימלען, מילע.

אַ פלעמל

ס'האָט אין אַ פינצטערע נאַכט
אַ ליכטל זיך אָנגעצונדן.
אין איינזאַם, אין דער טונקל
וויל דאָס פלעמל נישט פאַרשווינדן.

נאָר אַ פונק, וואָס גיט אַ בליץ,
קען פאַרלאָשן ווערן.
און אַ פלעמל קוים עס צאַנקט,
דאָך ווינקט עס צו די שטערן.

קין

עס האָט די זון פאַר חרפּה מיט אַ וואָלקן זיך פאַרשטעלט.
גאָט אַליין האָט זיין וועלט מער נישט דערקענט.
דעם וואַלד אַרומגעכאַפּט האָבן פייער-צונגען
און מיט גרוים אַפּעטיט אים איינגעשלונגען.
אַ האַרמאַטן-אָרקעסטער הויך זיך צעשפּילט,
אויף ערד און הימל דער גיהנום גליט.

גראַנאַטן טראָגן זיך מיט אַ קללה
און זייען אָרום פּחד און בהלה.
פון הימל מיט פייער רעגנט.
ס'האָט ווער די וועלט מיט אַ קרעכץ געזעגנט.
פון אַ דאָרף איז געבליבן געציילטע נאָר ווענט,
ערגעץ אַ דאַך נאָך ברענט.
פון בייזן שטורעם-געוויטער —
הימל און ערד גיט אַ ציטער.
אָט איז אַ דעמב אויף צווייען צעבראָכן —
קין האָט זיין ברודער אַ שפּיז אריינגעשטאָכן.

פאָלק מיינס...

פאָלק מיינס, געפּייניקט און פאַרבלוטיקט.
ס'האָבן שטיוול פון פּייניקער דיך געטראָטן,
געשאָכטן און געמאָרדעט.
שטיי אויף ווי אַ העלד, ווי אַ ריטער,
קעגן שטורעם און בייזן געוויטער,
אַז די מערדער זאָלן געבן אַ ציטער!
אַרויס אין שלאַכט, צו דער פאַרמעסטונג!
זאָל יעדער שפּאַן דיר זיין אַ פעסטונג.
גיס אויס אויף שונאים דיין צאָרן —
פאַר פּיין און לייד פון טויזנטער יאָרן,
פאַר פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט:
אַרויס אין שלאַכט מיט פעסטן מוט,
קעגן שונאים זיך שיצן און פאַרהיטן פון פיינט,
פאַר אַ פרייען מאָרגן און אויך זיכערן היינט!

צווישן בלוט און שייטער

פון נאַלעווקי-גאַס, ביז אונטער דען לינדען,
פון פּאַריז, וואַרשע און שאַנכיי,
טראָגסט איבער לענדער דיינע ווונדן,
פון קישעניעוו דעם וויי.

איבער שימל פון דורות, אַנטקעגן
רוקנס מיט פעדלערישע זעק,
מיט בלוט זענען באַנעצט דיינע וועגן,
טראָגסט פון אָפּשטאַם דעם פלעק.

פון איין געטאָ אין צווייטן,
אייביק וואַנדערנדער זשיד.
דיין גורל — צווישן בלוט און שייטער,
ונטער דיינע פיס — דינאַמיט.

*

מיט תנ״ך איבער לענדער וואַנדלען,
מיט מאַרקס „קאַפּיטאַלן" האַנדלען —
איבער לענדער און קאָנטינענטן,
פון פרוידס חלומות, איר אַגענטן.

אין גאָרגל פון פעלקער איר שטעקט ווי אַ ביין,
אין מגדל בבל האָט איר אויך איינשטיין.
מיט משה, פּאַולוס און שפּינאָזע
וואַנדערסטו, פאָלק פון היימלאָזע.

גלויבנס געזייט און שנאה געשניטן,
קיין שום לייד ט'איך נישט געמיטן.
אייער שיף געטריבן איבער ימען פון האַס,
איר, פּלאַנעטן אָן אַ וויזע, פּליטים אָן אַ פּאַס.

אויף פרעמדער ערד

אויף פרעמדער ערד שטיי איך,
אַנטלאָפן פון רוצחישע הענט.
נאָר דאָרט, אויף ווייטע האָריזאָנטן,
דאָס וואַרשעווער געטאָ ברענט.

איך זע דיך, שטאָט, אויף דער ווייסל,
פון פייער און בלוט אַ רויטע.

און עס פליסט זיך געמיטלעך דער טייך
צווישן קברים פון מיליאָנען טויטע.

צי קען איך פאַרגעסן
אייך, פּרעכטיקע יידישע טעכטער?
כ'הער נאָך דעם אָפּקלאַנג דעם ווילדן
פון ס"סישן רוצחישן געלעכטער.

פול מיט יידישע פּאַרטיזאַנער
זענען די געדיכטע וועלדער פון פּוילן,
צום קאַמף קעגן רוצחישע האָרדעס
האָט דאָס לעבן זיי באַפוילן.

איך זע מיינע העלדישע ברידער,
ווי זיי קעמפן מיט דער ביקס אין האַנט,
און עס שרייט זייער בלוט צו די הימלען:
די מערדער צו אייביקער שאַנד!

*

אין ים פון בלוט ביסט נישט דערטרונקען,
אין מיטן שטורעם שטייסט — אַ פעלדז,
צווישן הייסע פלאַמען, פייער־פונקען,
ביסט אין פייער נישט פאַרברענט.

אַ הוראַגאַן

עס האָט אַ הוראַגאַן
געמאַכט אַ חורבן פון מיין שטאָט,
ווי אַ גייסט אַ בייזער.
פון טויזנטער שרפות אַ מעכטיקער פלאַם,
פאַרברענט זייערע היימען און הייזער.

עס האָט אַ הוראַגאַן אַ גרויזאַמער,
אַלץ אין שנאה פאַרזונקען.
ווי אַ סטיכיע, טויב און שטום,

אלץ אין בלוט דערטרונקען
און נישט געשוינט קיין פרוי און קינד.

עס האָט אַ הוראַגאַן, אַ מעכטיקער שטורעם,
מיין פאָלק צום טויט געטריבן.
פון צפון און פון דרום
פון מיין פאָלק געבליבן
זעקס מיליאָן קברים.

*

עס צעלייגן זיך שאָטנס פון האַרבסטיקע נעכט,
דער חושך צעשפּרייט זיינע פליגל,
ווי עס וואָלט ווער די ליכט פון טאָג פאַרשוועכט
און געלייגט זיין פינצטערן זיגל.

כ׳בין אַ לעבן דורך אין שטורעם,
געשפּאַנט איבער יוגנט מיט ליבע און שירה.
נאָך אַלץ טוט אַ באַגער אין מיר צינדן,
אַ בענקשאַפט נאָך אַ חלום, וואָס איז פאַרשווּנדן.

שטיל שטייט דער סאָד

שטיל שטייט דער סאָד,
ס׳שלאָפט שוין דער עפּלבוים
און דער ברייטער טייך,
מען הערט זיין רוישן קוים.
איבער די שלאָפנדע פייגל,
די זילבערנע לבנה זי וואַכט,
נאָר איך אַליין קען נישט שלאָפן
אין אָט דער צויבער-נאַכט.
עס וואַכט-אויף אין מיין זכרון
אַ חלום פון פאַרגאַנגענע יאָרן.
אין צווייען מיר האָבן שפּאַצירט
אויף ערגעץ אַ שטאָטישער גאַס.

די הייזער, זיי האָבן געדרעמלט,
די לבנה געווען אַזוי בלאַס...
ווי גליקלעך מיר זענען געווען!
ווער קען וויסן? ווער קען פאַרשטיין?
ווען כ'האָב מיין געליבטע געזעגנט
אויף דער שוועל פון איר היים.
ווי אַ טרוים איז דאָס אַלץ אַנטרונען,
געבליבן איז דער חלום אַליין.
די נאַכט איז, ווי דעמאָלט, די זעלבע,
נאָר אין הארצן איז טרויעריק און גרוי,
נישטאָ מער די היים די אַלטע,
מיין געליבטע איז אויך מער נישטאָ.

וואַרשע

כ'האָב פאַרלאָזט דיך, וואַרשע,
אַריבער דיינע ראָגאַטקעס.
איבער שטרעקעס צעטראָטענע פון טויזנטער שיך
כ'שפּאַן מיט מיינע מאַנאַטקעס.

די דונערן פון אויפרייסן טרייבן מיך אַלץ ווייטער,
דאָס פייער יאָגט מיך פאָרויס.
אונטער מיר, ווי אויף אַ שייטער,
פאַרשווינדט די שטאָט אין פייער-שוים.

עס ברענען אונטער מיר מיינע שפּורן,
די שטאָט ווערט צעריסן און געשענדט.
דער טרוים פון מיינע יוגנט-יאָרן
און מיין חלום ווערט דאָרט פאַרברענט.

מיין שטערן

עס צעשפּרייט דער אָוונט
זיינע פליגל אונטער מיינע שויבן.
אין טונקעלן דרויסן
וואַרקען פון בענקשאַפט די טויבן.

פון אַן איינזאַמען בוים
פאַלן, ווי טרערן, די בלעטער,
די לעצטע האַלטן זיך קוים,
עס וויינט דער האַרבסטיקער וועטער.

ס׳פּייפט דער ווינט פון טרויער,
פון הימל גיסט אַ רעגן.
שוואַרצער וואָלקן, האַרבסט דו גרויער, —
האָסט פאַרשטעלט מיין שטערן.

* *
*

נישט מאָדערן זענען מיינע לידער
און אַלט איז מיין מאָטיוו.
„פרידן", „שטערבן", „ליבע" —
דאָס קלינגט היינט אַזוי נאַיוו.

דאַרף מען געפילן אין פערזן דען צאַמען,
ווען עס זיגט אַ דור איבער צייט און רוים?
פאַרשיטן כ׳וויל מיט מיינע גראַמען
צווישן חלום און וואָר דעם טיפן תהום.

נישט מאָדערן זענען מיינע לידער,
דאָך זינגט אין מיר אַלץ ווידער:
וועגן פעלדער פריי צעבליטע,
צו אַ זון פון פלאַם צעגליטע.

* *
*

אין שטורעם איז מיין נעכטן אַוועק, מיין ליבער פריינד.
וואָס ברענגען וועט דער מאָרגן, ווער קען עס וויסן היינט?
עס האָט מיט טריבן רעגן דער הימל זיך צעוויינט,
ווייל די זון פון גליק נאָך אַלץ האָט נישט געשיינט.
און אויב שוין יאָ אויפשיינען וועט די זון פון גליק,
צי וועט דאָס לענגער דויערן ווי אַן אויגנבליק?

נישט פון ליבע

ניין, כ'וועל פון ליבע אייך נישט זינגען,
נישט פון פרילינג-דופט
און נישט פון פויגל-פריי
וועט מיין שטימע קלינגען.
מיין ליד איז טריב
און שמעקט מיט ריח פון קברים,
פון קערפערס צעקאַליעטשעטע,
צעריסענע בגדים.
אויסגעשטרעקטע הענט נאָך הילף,
פון קינדער בעטנדיקע ברויט,
פון נשמות צאַנקענדיקע פאַרן טויט.
רחום וחנון!
כ'האָב פאַרלוירן אין דיר דעם גלויבן,
ווייל ס'האָבן בלוטיקע טרערן צום הימל געשריגן,
און דו האָסט געשוויגן.
טויב צום געשריי פון געשאָכטענע קינדער,
צו שטויסן פון מענטשלעכע ביינער,
צו מיידלשע טרערן.
און ווען די ערד האָט אונטער זייערע פיס געשריגן,
האָסטו אַלץ געשוויגן.
טויב ביסטו געבליבן צו זייער ליידן,
דו האָסט זיי געשאָכטענע אַריינגענומען אין דיין גן-עדן.

ערגעץ אין פוילן

דאָרטן, ערגעץ אין פוילן,
געבויגן אַ בוים שטייט אַזוי.
אונטערן בוים איז אַ קבר
פון אַ ייד-פאַרטיזאַן, אַ געראַי.

עס בליצן אויף און פאַלן שטערן,
די לבנה גיט פון הימל אַ בליק:
עס ליגט דאָרט באַגראָבן אַ יוגנט,
אַ לעבן וואָס קומט מער נישט צוריק.

ווער האָט באַרויבט אָט דאָס לעבן?
ווער האָט באַרויבט אים די וועלט?
ווי קומט עס צו אַ שניידער-בחור,
צו ווערן אַ פּאַרטיזאַן און אַ העלד?

געלעבט האָבן אין פּוילן פיל יידן,
געחלומט, געוויינט און געלאַכט.
געקומען זענען מערדער, גזלנים,
פון זייער לעבן אַ חורבן געמאַכט.

פון אָט דעם פּאָלק איז געבליבן
קברים גאָר אַ סך...
שלאָף זשע טייער קינד מיינס,
די אייגעלעך דיינע פאַרמאַך.

העי, דו ווינט

דער ווינט האָט אַ בייזער
זיך צעשטורעמט און צעהוליעט.
פאַר פּחד האָבן ביימער,
איינער צום צווייטן זיך געטוליעט
און שטיל זיך געשושקעט אין אויער
ווערטער פון אומעט און טרויער.

העי, דו ווינט, דו שטורעם-ווינט!
זאָג, ווו אײלסטו אַזוי געשווינד?
ווער טרייבט דיך איבער מרחקים?
אָן אַ ריכטונג, אָן אַ ציל?
זאָג, פאַר וועלכע חטאים, פאַר וועלכע זינד?

תל־אביב

האָסט, שטאָט, מיין הארץ געפאַנגען
מיט דיין פרילינג-יוגנט און געזאַנגען,
איז יעדער דיין שטאָטישער מויער
פאַר מיר אַ טריאומף-טויער.

דיין יעדער בנין — פֿאַר מיר אַ קרעמעל,
ווייל פֿון גלויבן טראָגסטו אַ פּלעמל.

ווי גרענעץ פֿון הימל און ים זיך פֿאַרווישט,
און כוואַליעס דעם ברעג האַרציק געקושט,
בלישטשעט אַ שיפֿל און שמייכלט פֿון ווייטן.
אויפֿן ברעג טוליעט אַ פּאָרל זיך איינער צום צווייטן.
און אפֿשר דערפֿאַר האָט גאָט מן הסתם,
לעבן דיר געשטעלט דעם גרויסן ים?
און אפֿשר דערפֿאַר צו דיר כ'בין געקומען,
ס'זאָל מיין חלום איבער כוואַליעס שווימען
אָדער זיך לאָזן אויבן־אָן
איבער הימלס בלויער פֿאָן.
איז אַ בלויקייט איבער מיין יעדן ערדישן שפּאַן.
צי איז נאָך ערגעץ אַזאַ הימל פֿאַראַן?
בלויקייט איז דיין באַזונדערער סטיל,
געמישט מיט דעם היימישן געפֿיל.
דערפֿאַר האָב איך פֿון אַלע אין דער וועלט,
דיך, שטאָט פֿון פֿרילינג, אויסגעוויילט.

חיפה

דיך האָט ווער ביים ימיקן ראַנד
געשטעלט ווי אַ פּרוזדור צום זוניקן לאַנד.
קושט דיינע פֿיס דער ימיקער שוים,
און שטאָלץ אויף דיין קאָפּ איז די כרמל־קרוין.
קומען פֿאַרבלאָנדזשעטע שיפֿן צו דיין האַפֿן,
קוקן אויף דיין שיינקייט און גאַפֿן.
און דו, אין ים פֿון בלוטיקן שטורעם,
ביסט געווען פֿאַר זיי אַ לייכט־טורעם.
קומען פּליטים אָפּשאָקלען פֿון וואַנדערנדע שטויבן
און ביי דיינע ברעגן פֿאַראַנקערן זייער גלויבן.

ירושלים

(אַ גראָטעסקע)

ירושלים פון אַלטקייט און דורות,
הייליקייט און טומאה, עוואַנגעליעס און תורות.

געטער האָבן דאָ געפּירט אַ הייליקן שטרייט,
דערפאַר איז די ערד דאָ מיט קברים פאַרזייט.

די שטאָט איז אויף צווייען צעטיילט.
אונדזערע קוזינען אויף יענער זייט.

דאָ די מנורה, דאָרט די האַלבע לבנה,
און צווישןביידן הענגט די סכנה.

געקומען אַהער זענען שבטים און שטאַמען,
אין דער הייליקער שטאָט צו לעבן צוזאַמען.

אויף די גאַסן פון זייערע עלטער-זיידעס
אויפשטעלן הויכע שטיינערנע געביידעס.

און, ווי יעדער שפּאַן איז הייליק,
שוועבט שולמית גאָר נישט אייליק.

ווי אין שיר השירים, חבצלת און רויזן,
מיט נאַקעטע קניען און קורצע הויזן.

און ישיבה-בחורים פּילפּלען איבער אַ בלאַט גמרא
און זוכן אין רמב"ם אַ פּשטל, אַ סברה.

נאָר אויף געסלעך פון די שטיגן
האַנדלט מען ביליק מיט פאַרגעניגן.

אין חושך שפּאַצירט אַרום אַ פריילן,
און זוכט אַ קונה צו פאַרווײלן.

זענען גאַסן פון אַלטע זאַכן
און מיטן עלטסטן פון אַלע פאַכן.

נאָר אויף געסלעך קוויטיק קרומע,
וויינען יידן-צדיקים, פרומע.

דאָ רופט מען אין די שולן די כשרע ווייבער
צו טראָגן נאָר לאַנגע צניעותדיקע קליידער.

אויף דער גאַס פון הונדערט טויערן
טוט לילית אויף פרומע יידן לויערן.
אַזוי איז שוין, זעט אויס, די מענטשלעכע טבע,
אויך מלך דוד האָט געזינדיקט צוליב בת־שבע
און דער מלך שלמה געהאַט האָט נאָר, ליידער,
נישט מער ווי טויזנט ווייבער...
בענקען פרומע יידן צו יענע גוטע צייטן,
און בעטן, משיח זאָל אויף אַן אייזל קומען צו רייטן.

אַ נייער דור

ווי נאָר ס׳פאַרשווינדט דער נעפּל גרוי,
גייט אויף די זון אין מאָרגן־טוי.
דער מדבר נעמט פאַר כעס זיך שטויבן
זיינע זאַמדן צום הימל הויך אויפהויבן.

געקומען זענען — יונגע פון אַלע עקן וועלט
אין צוגעזאָגטן לאַנד אויפשטעלן זייער געצעלט.
זיי, די זין פון פאַרלוירענע שטאַמען,
געקומען דאָ זוכן אַ היים און אַ מאַמען.

געקומען באַפאַרבן די בערג און די טאָלן,
אַ נייע לאַנדשאַפט אין מדבר אויפמאָלן.
אויף די טראַקטאָרן, די אייזערנע פערד,
ווי מיט אַ פענדזל באַגרינען די ערד.

נאָכן חמסין־טאָג פלעכט זיך אַ קראַנץ
און ביז שפּעט אין דער נאַכט אַוועק גייט אַ טאַנץ.
די לבנה פאַרשפּרייט אַרום זילבערנע פּראַכט
איבער יונגע פאַרלעך אין אַ צויבער־נאַכט.

ווער ווייסט ווען געשען אַט דער וווּנדער?
ס׳ברענגען שוואַנען אין די שנאָבלען קליינע קינדער.
נעכטן געווען נאָך אַ חלום, היינט שוין אַ וואָר.
וואַקסט אין מדבר וויגן אויס אַ נייער דור.

אַ ציגל צו אַ ציגל

דו גיסט הייזער פון אייזן־בעטאָן,
מיט שוויים פון אייגענעם גוף,
פון בלאָקן און ציגל אַ מיליאָן,
דו מייסטער פון שווערן באַרוף.

דו בויסט אָן אַ שיעור ווענט,
דעם האַמער, זעג און דעם כף
לאָזסטו נישט אַרויס פון דיינע הענט.
מיט ריטעם עס טוען די זעגן
פידלען אויף ברעטער אַהער און צוריק,
ווי עס וואָלט אַן אָרקעסטער צעשפּילט זיך
מיט טענער פון האַמער־מוזיק.
פאַרקאַטשען די אַרבל די מויערער,
זיי לייגן אַ בלאָק צו אַ בלאָק
און עס הייבט זיך אַלץ העכער און העכער,
אויף וואונדער, אַ שטאָק נאָך אַ שטאָק.
ווישט ווער דעם שוויים פונעם שטערן
און שמירט די ווענט מיט טיט.
נישט זעלטן ווערן באַפאַרבט
די ווענט מיט דיין אייגן בלוט.
אונטער הייסע חמסינען און רעגנס,
ווער אַרבעט אַזוי געטריי, ווי דו?
און גיסט פון אייזן־בעטאָנען
פאַרן פאָלק אַ היים און אַ רו.
געבענטשט זאָלן זיין די הענט,
וואָס אַ ציגל צו אַ ציגל
לייגן צום בנין פון מאָרגן,
פון אייגענעם שוויים זייער זיגל.

ג ל י ל

ווי אַ מאָלער טוט זיינע ווערק מאָלן,
וואַקסן דאָ אויס בערג און דרעמלענדע טאָלן.
פון ליכט און פון שאָטן קאָלירן געמישט,
אַ באַרג האָט אַ זילבערנעם וואָלקן געקושט.

א פֿאַרנאַכטיק ווינטל טוט אויפֿהייבן
איבער בערג די גרויע שטויבן.
ליגט דער גליל אין זיין פֿאַרנאַכטיקן באַנג,
די פֿייגל געזעגענען דעם טאָג מיט געזאַנג.

ברייט די שאָטנס איבער בערג זיך צעלייגן,
דער טאָג פֿאַרגייט אין טיפֿן שווייגן.
פֿאַרוויגט אין לעגענדעס, צויבערט די נאַכט,
און כישופֿט מיט איר וווּנדער־פּראַכט.

ווער שפּאַנט דאָ איינזאַם איבער באַרגיקע וועגן,
ווען עס רויטלט די זון, גרייט צום געלעגן,
צו געבוירן אַ טאָג אַן אַנדערן
פֿאַרן פּאָעט דעם וואַנדערן.

אָט שטיי איך ביים כנרת, דעם הייליקן ים,
עס איז נישט קיין צופֿאַל און נישט אַזוי סתם.
כ׳בין געקומען אַ האַלבן יאָרהונדערט דאָ יובלען
און פֿון אַלע זינד זיך אין כנרת אָפּצוטובלען.

פֿריי איז מיין לאַנד

פֿריי איז מיין היים, פֿריי איז מיין לאַנד.
מיט פֿרייהייט עס אָטעמט די לופֿט זיך אַריין.
בלוי איז דער הימל, גרוי איז דער ים,
פֿריי איז מיין פֿאָלק, פֿריי איז מיין שטאַם.
נאָך טויזנטער יאָרן געקומען אַהער צוריק.
בלוטיקע טרערן געווען איז די בריק.
נאָך דראָען די שונאים און קריצן מיט די ציין,
דאָך פֿריי איז מיין פֿאָלק אין זיין אייגענער היים.

פלמ״ח

וועגן אייך וועלן דורות לעגענדעס זיך וועבן,
וועגן די וואָס געשפּאַנט דורך שטורעס פון לעבן.
מיט אומבויגזאַמען ווילן, באַהויכט מיט גבורה,
איבער זאַמדיקע פליינער געטראָגן די בשורה.
שטענדיק און אומעטום די ערשטע געשפּאַנט,
איבער צעשרפהטן מדבר פון צוגעזאָגטן לאַנד.
איר, וואָס געוואָגט מיט העלדישן מוט,
צו שרייבן געשיכטע מיט אייגענעם בלוט
און די, וועמען ס׳וועלן באַווייִנען מאַמישע טרערן —
אין חושך פון מדבר געווען זענט איר שטערן.
וועגן אייך וועלן מאַמעס איבער קינדישע וויגן
זינגען דאָס ליד מיטן ניגון, וועגן אייך,
בחורים פון פלמ״ח.

*

ווי אַ העלד דו ביסט געפאַלן,
געענדיקט זיך דיין שטורמיש לעבן.
זאָל אָבער נישט פאַרגעסן ווערן דיין מוט,
און נישט אומזיסט פאַרגאָסן זיין זאָל דיין בלוט.
פון יעדן טראָפּן זאָל דער מדבר, ווו דו ליגסט,
דערוואַכן און באַלעבן.
און כאָטש דו ביסט שוין מער נישט דאָ,
זאָל פאַרווירקלעכט ווערן דיין שטרעבן
און אַלע דיינע שענסטע באַגערן
זאָלן דאָך מקוים ווערן.
און דאָס זאָל זיין דער טרייסט,
יתגדל ויתקדש זאָל זיין דיין גייסט.

כ׳ווייס נישט פאַרוואָס ?

כ׳ווייס נישט פאַר וואָס, נאָר ס׳טוט אין מיר זינגען,
כ׳ליב יעדע בלום, יעדן בוים.
ס׳וויל מיין נשמה פאַר גליק אַרויסשפּרינגען,
און מיין לעבן איז אַ חלום, אַ טרוים.

אַ פאַרכישופטער כ׳שפּאַן איבער וועגן,
מיין האַרץ ליבט אָן אַ שיעור.
כ׳גיי מיין חלום אַנטקעגן
און די יוגנט זינגט אין מיר.

ברייט די בלעטער זיך צעבליען,
ס׳קומט אַ שמעטערלינג צו פליען,
פאַר די רויז זי זעצט זיך קניען,
אין איר שאָטן אָפּצורוען.

און אַז נאַכט פון נעפּל ווערט צערונען —
אַ באַגער אין מיין האַרצן נורט.
כ׳פלי צום גאָלדענעם באַגינען,
צו אַ נייעם וועלט געבורט.

* *
*

צווישן נעפּל־גרוי און בלויען ים
אַ זעגל־שיפל בלייכט זיך איינזאַם. —
וואָס זוכט זי אין די ווייטע לענדער?
פאַר וואָס פאַרלאָזט האָט זי איר היים?

עס שפּילן כוואַליעס, ס׳פייפט דער ווינט,
עס בייגט דער מאַשט זיך און ער סקריפּעט;
אָ — נישט קיין גליק זי וויל געפינען
און נישט פון גליק אַנטרינען! —

דער ים מיט וועלן פון לאַזור,
און איבער אים דאָס גאָלד פון זונען: —
און זי, צעבונטעוועט, מאָנט דעם שטורעם,
ווי אין אים זי וואָלט אַ רו געפונען!

(מ. לערמאָנטאָוו. איבערזעצט פון רוסיש)

פון שיר השירים

אַז רייף אויף בוים ווערט די פרוכט
און די ערד פאַרזייט מיט צויבער.
עס צעשפּרייט אַרום איר דופט,
די שטאָלצע כלה־בלום.

דו, געליבטער, האָבן קיין פורכט,
קום אין שולמיתס גאָרטן.
עס לאָקט שוין די רייפע פרוכט
מיט איר זאַפט דעם זיסן.

קום אויפוועקן איר ליבע,
וואָס דרעמלט נאָך אין זיסן טרוים.
רייף איז שוין דער עפּל,
רייף איז שוין דער ווײַנשל־בוים.

מיט פרייד פילט אָן איר יעדער בליק,
אירע אויגן שטערן־פונקען.
ס'איז שולמית אַ קוואַל פון גליק,
אין אירע ליפּן ווײַן צו טרינקען.

זיי פון איר ווייַנגאָרטן דער היטער,
איבער אירע מיידל־גיטער.
אירע אוצרות, ווייסע ציין
און צוויי ליפּן מיט כרמל־ווייַן.

וויפל רייץ און וויפל גלוסטן,
דורשטיק נאָך ליבע־געטראַנק.
טרויבן זענען אירע ברוסטן,
איר קערפּער ווי אַ פּאַלמע שלאַנק.

* *
*

עס פילט אָן מיין האַרץ מיט גליק
און באַפליגלט דעם טראָט פון מיין גאַנג.
די יוגנט קומט ווידער צוריק
און באַהויכט מיין וועג מיט געזאַנג.

דער נעכטן ווי אַ נעפּל פאַרשווינדט,
און ליכטיק ווערט אויפן געמיט.
אַ שטערן אַ נייער זיך צינדט,
באַגייסטערט און באַזעליקט מיין ליד.

זון טונקט זיך אין פייער
און פאַרשווינדט אין פאַרנאַכטיקן טראַכט.
ווען נאַכט פאַרצירט איר שלייער,
מיין חלום דאַן ווידער דערוואַכט.

אונטער וואָלקנס

אונטער וואָלקנס, ווי הימלישע פּוירהאַנגען,
איז די זון אַ טרויעריקע פאַרגאַנגען.
פון בענקשאַפט מיין האַרץ שיר נישט צעשפּרינגט,
און אַ ליד פון טרויער אין מיר זינגט.

פאַרגייט די זון אין קאַלירטע פלאַמען,
בענקט זיך דאַן אַזוי צו זיין מיט דיר צוזאַמען.
ס'טוט אַזוי שטאַרק צו דיר מיך ציען,
נאָר ווו נעמט מען פליגל, צו דיר צו פליען.

אין דיינע מיידל-נעצן דו האָסט מיך געפאַנגען,
געצונדן אין מיר באַגערן און פאַרלאַנגען.
נאָר נישט פאַר מיר באַשערט ביסטו, גליק,
ווייל צווישן אונדזביידן צעבראָכן ליגט אַ בריק.

אין גאָרטן

אַ יום-טוב איז ביי אונדז אין גאָרטן,
ס'שטייען ביימער אויסגעפּוצט.
פול מיט פרוכטן, אַלע סאָרטן,
וויפל נאָר אַ האַרץ געלוסט.

ס'איז דער עפּלבוים אַ חתן,
רייף שוין, אין אַ גוטער שעה.

און מיט גאוה אָנגעבלאָזן,
אויך די כלה — זי איז דאָ!

ווער האָט מיט פּערל איר באַשאָנקען,
דער כלה פונעם קרוין ביז שטאַם;
פול מיט ווײַנשל איר באַהאָנגען,
מיט פּרוכטן זיסע, מלא טעם.

אויף יעדן בוים איז גרייט אַ נעסט
פאַר די פייגל, אונדזערע ליבע געסט.
פילן זיי אָן די לופט מיט שירה
און דאַנקען פאַר אומזיסטער קעסט.

און באַלאַדן שטייען ביימער,
מיט בעסטן גאָט-געשאַנק.
און פאַר אונדז, געטרייער שומר,
טראָגט יעדער בוים מיט פּרוכט אַ דאַנק.

פּאַריז

ווּ ביסטו, פּאַריז פון יענע העראָישע צייטן?
דײַנע גבורים, געבונדענע אין קייטן?
ווּ זענען יענע צעשטורעמטע מאַסן,
די פון בעלוויל און מאָנמאַרטער גאַסן,
ווּ זענען דײַנע זשערמינאַל-פּראָנצוויזן?
די סאַנקיולאָטן אין לאַנגע הויזן?
היינט שטורעמט מער פּאַריז קיין באַסטיליעס,
נישטאָ מער די יאַקאָבינישע קלובן.
ס׳איז אַן אַנדער פּאַריז: פון קאַבאַרעטן און בולוואַרן,
פאַרגעסן ליגן די קברים פון קאָמונאַרן.
נישטאָ מער דאָס פּאַריז פון מאַרסעליעזע-ניגון,
נאָר פון בורדעלן און ביליקן פאַרגעניגן.
און ווי אַ זכר פון האָפענונגען אָפּגענאַרטע,
שטייט דער דענקמאָל פון באָנאַפּאַרטע.
און כ׳הער מאָליערס איראָנישן לאַכן.
דײַן גלײַכהייט וואַלגערט זיך צווישן אַלטע זאַכן.

און פרייהייט, צי איז דאָס ערגעץ פאַראַנען?
עס לעבן אָבער די העלדן פון באַלזאַקס ראָמאַנען
און די קאַקאַטעס פון זינדיקע גלוסטן,
וואָס טאַנצן נאַקעטע פאַר אַמעריקאַנער טוריסטן,
זיי קומען דאָ טרינקען פראַנצויזישן שאַמפּאַן
און שלאָפן מיט דיינע פריילינס פון אָרלעאַן.
ביסט אָבער נישט נאָר פון געַנוס, זינד און ביליקע שפּאַסן,
ס'איז דאָ אויך אַ פּאַריז פון האָרעפּאַשנע מאַסן,
אַ פּאַריז, וואָס האָט איר נאָמען נישט פאַרראַטן.

פּאָעטן

— פּאָעטן!
גענוג געזונגען פון „באָראָדינאָ" און „דריי גרענאַדירן",
מיר דאַרפן מער נישט קיין נייע „איליאַדאַ",
גענוג געפלאָכטן לאָרבער-קרענץ פאַר יעדן דזשינגגיס-כאַן.
איין קוש פון שולמית איז מער ווערט
פון אַלע נאַפּאָלעאָנס זיגן.
שטייסטו, פּאָעט, צווישן יופּיטער, וואָס דורשט נאָך בלוט,
און עפּיקור, וואָס רופט צו געַנוס.
און זינגסט אַ לויב צום צויבער-ווערק
און וווּנדערלעכן סדר.
צום מענטש, וואָס באַשאַפן איז, ליידער,
אַזוי אַלמעכטיק און לעכערלעך נישטיק.
און דו, צווישן רויך און לעגענדעס שריי אויס:
— די וועלט פון דאָס ניי באַשאַפן זאָל ווערן,
אַ נייער בראשית זאָל זיין.
צווישן ווייסינקע הייזלעך און גרינע דעכער,
דעם גן-עדן אויף דער ערד, — מיר דאַרפן נישט העכער, —
מיר דאַרפן נישט קיין העלדן, קיין געטער,
נאָר אַרמייען, באַוואָפנטע מיט גראַמען,
פאָרויס זאָלן מאַרשירן שלום-גענעראַלן.
און דו, ווענוס-געטין פון שיינקייט —
דו אַליין פון אַלע געטער,
קום מיט אַן עוואַנגעליע פון ליבע אַ נייע.

*   *
*

געווען אַמאָל אַ מעשהלע, צי זאָל איך אייך דערציילן?
טרויעריק איז דאָס מעשהלע, קאָן קיינעם נישט פאַרוויילן.
ערגעץ איז געווען אַמאָל, היינט נישטאָ דאָרט קיינער.
געווען מיר זעגען ברידער צען, געבליבן כ׳בין נאָר איינער.
דורכגעלאָפן איבער וועלט איז אַ בייזער שטורעם,
שטיי איך איצט אַן איינזאַמער ביי מיינע ברידערס קברים.

פ ר י י

זינגט דאָ, מיין האַרץ, דאָס ליד פון דער פריי,
אַ געזאַנג פון יוגנט, באַהויכט פון דאָס ניי.
ס׳קומען דורות און גייען פאַרביי
און ס׳קלינגט אַלץ דער עכאָ פונעם ליד פון דער פריי.
נאָר אויב די פרייהייט איז אַזוי אָפט פאַרשוועכט,
זאָל מיין האַרץ פאַר קיינעם נישט זיין קיין קנעכט.

*

די זון ערגעץ פאַרגייט
אין איר קאָלירטן קלייד...
צו דעם לאַנד פון גליק,
וואָס איז העט גאָר ווייט.

פון הימל אַ שטערן פאַלט,
אַ צווייטער שטראַלט־אויף באַלד.
צום קעניגרייך פון גליק
מיר שפּאַנען זאַלבענאַנד.

* *
*

ס'האָט דאָס גליק צו מיר זיך באַוויזן,
ווי אַ זעגל־שיפל אויף דעם טייך.
כ'האָב צום ברעג זיך דערנענטערט,
דאָס שיפל דערטרונקען איז גלייך.

עס פאַרשטעלן וואָלקנס די זון פון הימל,
עס בייזערט זיך דער ווינט:
די וועלט זינקט אין אומעט
און וויינט ווי אַ קליינטשיקער קינד.

אויב געגליכן צו אַ טייך איז אַ לעבן, —
אויף איר איז צעבראָכן מיין בריק,
און וואָס איז שוין איין מאָל דערטרונקען,
קומט קיין מאָל מער נישט צוריק.

די מעברה

די זון בריט מיט גרויסער אַכזריות,
די שמוציקע צריפים פון האָלץ און שמאַטעס,
באַצירטע מיט אומצאָליקע לאַטעס.
אַלמעכטיק הערשט דער חמסין.
אָט זעצט זיך די זון טרויעריק פאַרשמאַכט.
עס קומט די לאַנג־אויסגעבענקטע נאַכט.
די שכנותדיקע שטאָט מיט אירע ליכטיקע בליקן,
לאָקט מיט ליכט פון „חלומות־פאַבריקן".
נאָר די מעברה זינקט אין חושך.
צו דער לבנה בילן טרויעריק די הינט.
אויף דעם הימל צאַנקען די שטערן.
אין אַ צריף וויגט אַ מאַמע אַ קליין קינד
און באַגיסט דאָס קישן מיט טרערן.
נאָר אויך אין טרויעריקן צריף
וואַנדערט אַ שמייכל און קינדישער שטיף.

אַ פֿאַרליבטער שיקט צו דער לבֿנה אַ פֿאַרבענקטן בליק
און בעטלט ביי איר אַ גראַם כאַטש פֿון גליק.
נאָר דאָ, צווישן צריפֿישן שאַנד,
באַגראָבן ליגט דער חלום פֿון אַ זוניק לאַנד.

ווי רויך פֿאַרגייט אַ לעגענדע

די וועלט אויף קעגנזאַצן זיך באַזירן.
ווי מעפּיסטאָ טוסטו אַלץ נעגירן.
דיין אָרדענונג, מענטש, איז נישט ווערט צו עקזיסטירן.
אַלץ וואָס דו שאַפֿסט, מאָרגן וועסטו צעשטערן.
אַלע נייע ווערטן ברענגען נייעם בלוט און טרערן.
אייביק וועסטו זוכן נייע וועגן,
אין אייביקן געראַנגל דורכגיין וועט דיין לעבן.
און קיין מאָל וועסט נישט קומען צו קיין ציל —
דיין געראַנגל איז געווען נאָר אַ שפּיל.
און אַפֿילו דער אָקטאָבער-שטערן
איז מיט סיבֿיער-נעכט און ווייסע בערן...
און אפֿשר איז אַזוי באַשערט,
יעדן גלויבן צו פֿאַרשפּרייטן מיט פֿייער און שווערד,
דיינע הייליקע צו קניען פֿאַר אַ פּריילין-מוטער
און דער אַפּאָסטאָל פֿון ליבע זאָל זיין אַן אינקוויזיטאָר?
די געשיכטע מישט אירע בלעטער;
נייע עוואַנגעליעס, נייע געטער,
נייע שלאַכטן, — ניי בלוט,
אַ נייע מאַכט, — אַ נייע רוט.
מישט די געשיכטע אירע זייטן,
נייע תקופֿות, נייע קייטן.
און פֿון יעדע געשיכטע די ענדע,
ווי רויך פֿאַרגייט, אַ לעגענדע.

*　*
*

צי איז אַלץ נאָר הבל הבלים?
און דאָס לעבן האָט אין ערגעץ קיין זין?
צי איז די וועלט אַ פינצטערער חלום,
נאָר פאַר טייוולאָנים אַ שפּיל?

צי איז דער ים נאָר געזאַלצן פון טרערן
און די טייכן פון בלוט זענען רויט?
און מענטשן ווי פאַלנדע שטערן
נידערן אַלץ טיפער צום נישטיקן טויט;

און אפשר איז גאָר דאָס לעבן אַ שיר השירים?
אין דיר אַליין איז דאָס געווענדט: —
שפּאַן איבערן לעבן מיט ליבע און לידער
און נעם דאָס גליק מיט אייגענע הענט!

*　*
*

מען לערנט נישט קיין מוטער־שפּראַך.
זי טוט אַליין מיט דער מוטער־מילך זיך איינזייגן.
נאָר איך האָב געלערנט זייער אַ סך,
ווי אין יידיש צו שווייגן.

*　*
*

געווען איז דאָס מיין ערשטע זינד.
כ'האָב לידער געשריבן נאָך זייענדיק אַ קינד.
זענען אָבער די לידער און די יוגנט
אַוועק מיטן ווינט.

ווי אַ וויזער

גייען טעג ווי אַ וויזער אויפן זייגער,
און די זון שיינט יעדן טאָג כסדר.
זי גייט אויף אין מזרח און פאַרגייט אין וועסטן.
אייביקייט, אומענדלעכקייט, ווער וועט זיי אויסמעסטן?

עס צינדט די נאַכט אויפן הימל אירע שטערן,
זיי וועקן חלומות און באַגערן.
נאָך יעדן אָוונט קומט אָן אַ נייער באַגינען.
זאָג, ווו איז פון לעבן דער זינען?

* *
*

צי האָסטו, גאָט, נישט אַנדעריש געקענט זיך אַנטפּלעקן,
נאָר מיט בליצן און דונערן צו שרעקן?
דו האָסט, פּראָמעטעאוס, געשענקט אונדז דאָס פייער
צוזאַמען מיט רויך וואָס פאַרנעפּלט די אויגן.
ווער האָט אין נאָמען פון ברידערלעכקייט געשטעלט גילאָטינעס?
און צו שיצן מיין פרייהייט געבויט טורמעס?

ס'דורשט די ערד

ס'דורשט די ערד און שרייט נאָך וואַסער: —
קום, דו וואָלקן, קום, דו נאַסער,
קום מיט שטורעם, קום מיט וויכער,
טרינק אָן די פעלדער מיינע גיכער.

ס'דורשט אַ מיידל און בענקט נאָך ליבע
אין האַרבסטיקע טעג, גרויע, טריבע.
און איר האַרץ רופט אין פיבער —
קום, דו בחור, קום, דו ליבער.

ס'באַגלייט דעם רעגן אַ שטאַרקער שטורעם,
און מיין מיידלס האַרץ עס אומערט.
גיב, וואָלקן, מער קיין רעגן,
שענק פון הימל מיר אַ שטערן.

אינהאַלט

יידיש	3
גאָלדעלע	4
מילע	6
אַ פלעמל	7
קין	7
פאָלק מיינס...	8
צווישן בלוט און שייטער	8
אויף פרעמדער ערד	9
אַ הוראַגאַן	10
שטיל שטייט דער סאָד	11
וואַרשע	12
מיין שטערן	12
נישט פון ליבע	14
ערגעץ אין פוילן	14
העי, דו ווינט	15
תל־אביב	15
חיפה	16
ירושלים	17
אַ נייער דור	18
אַ ציגל צו אַ ציגל	19
גליל	19
פריי איז מיין לאַנד	20
פלמ״ח	21
כ׳ווייס נישט פאַרוואָס ?	21
פון שיר השירים	23
אונטער וואָלקנס	24
אין גאָרטן	24
פאַריז	25
פאָעטן	26
פריי	27
די מעברה	28
ווי רויך פאַרגייט אַ לעגענדע	29
ווי אַ ווייזער	31
ס׳דורשט די ערד	31